# פּרשת עקבֿ 5757

## אַבֿרהם-מיכאל בן דוד (קאַפּלאַן)

אין אונדזער פּרשה הײַנטיקע וואָך, ״פּרשת עקבֿ״ (דבֿרים ז׳ 12 ביז י׳-א׳ 25), רעדט משה רבינו צו די בני ישׂראל וועגן זייערע קומענדיקע מלחמות מיט די עטלעכע פֿעלקער וואָס וווינען אין ארץ ישׂראל. ער זאָגט אַז כאָטש די אַנדערע פֿעלקער האָבן מער מענטשן און אַ שטאַרקערן מיליטערישן כּוח ווי די קינדער פֿון ישׂראל, וועלן די קינדער פֿון ישׂראל מנצח זײַן מיט גאָטס הילף — פּונקט ווי זיי זײַנען ניצל געוואָרן נאָך פֿערציק יאָר אין מדבר דורך גאָטס הילף. משה רבינו דערקלערט אַז דער האַקוידעש ברוך הוא האָט אונדז געגעבן דאָס לאַנד, און אונדז געהייסן ״דאָס אויסגעקליבענע פֿאָלק״ נאָר לטובֿות זײַן בונד מיט אונדזערע אָבֿות, אַבֿרהם, יִצחאָק, און יעקבֿ, און נישט לטובֿות די מעלות פֿון בני ישׂראל אַליין. צו דערקלערן דעם דאָזיקן חילוק חזירט משה רבינו איבער די מעשׂה פֿונעם גאָלדענעם קאַלב, און ווי ער אַליין האָט בשעת-מעשׂה חרובֿ געמאַכט די ערשטע לוחות פֿון די צען געבאָט, און ווי ער האָט דערנאָך אויסגעהאַקט נײַע לוחות פֿון די געבאָט, מיט דער הילף פֿון האַקוידעש ברוך הוא. בײַם סוף פֿון דער פּרשה זאָגט משה רבינו אַז די קינדער פֿון ישׂראל מוזן זיך ענדערן כּדי צו האַלטן דעם לאַנד; זיי טאָרן נישט גיין ווײַטער אַקעגן די ווערטער פֿון גאָט. בפֿרט, אויב די קינדער פֿון ישׂראל וועלן האַלטן ערנסט די געבאָט פֿון גאָט, וועלן זיי באַקומען ״אַלדעם לאַנד״ — אַזוי שטייט אין תּרגום יהואש — ״וואָס איר וועט טרעטן דערויף, אַזוי ווי ער [האַקוידעש ברוך הוא] האָט אײַך צוגעזאָגט״ (י׳-א׳, 25).

ס׳איז סײַ אַ וויכטיקע און סײַ אַ קאָמפּליצירטע פּרשה, מיט עטלעכע סודות התּורה וואָס וועלן אַריבערשטײַגן מײַן אייגענע פֿײִקייט אײַך צו דערקלערן (איר זאָלט מיר מוחל זײַן!). אַז ס׳איז אַ וויכטיקע פּרשה קען מען פֿאַרשטיין דורך די פֿאַרשיידענע ציטאַטן וואָס זײַנען געוואָרן באַרימטע שפּריכווערטער נישט נאָר בײַ ייִדן, נאָר אַפֿילו אין דער ברייטערער מערבֿ-קולטור, למשל, ״ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש״ (ח׳, 3); ״אַ האַרטנעקיק פֿאָלק ביסטו״ (טעס, 6); ״איר זאָלט ליב האָבן דעם פֿרעמדן, וואָרום פֿרעמדע זײַט איהר געווען אין לאַנד מצרים״ (י׳, 19). צום וויכטיקסטן זײַנען די שורות וואָס זײַנען אָפּגעקליבן געוואָרן צו דער הייליקער תּפֿילה שמע ישׂראל (י׳-א׳ 21-13).

די קאָמפּליצירטקייט פֿון דער פּרשה שפּיגלט זיך אָפּ אַפֿילו אין דער צווייטײַטשיקייט פֿון די געטלעכע געבאָט: פֿון איין זײַט זײַנען די קינדער פֿון ישׂראל מחויבֿ לחלוטין צו דערהרגענען די פֿאַרשיידענע פֿעלקער מיט וועמען זיי מוזן און וועלן צעקריגן אין ארץ ישׂראל: ״און זאָלסט פֿאַרצאַרן אַלע אומות וואָס גאָט דײַן האַר גיט דיר; דײַן אויג זאָל זיך ניט דערבאַרימען עוף זיי.... און ער [האַקוידעש ברוך הוא] וועט געבן זייערע מלכים אין דײַן האַנט, און וועסט אונטערברענגען זייער נאָמען פֿון אונטערן הימל; קיינער וועט ניט באַשטיין פֿאַר דיר ביז דו וועסט זיי פֿאַרטיליגן״ (זיין, 16, 24). פֿון דער אַנדערער צײַט, אָבער, מוז מען ליב האָבן דעם פֿרעמדן ווײַל די קינדער פֿון ישׂראל, זיי וואָס וועלן דערהרגענען די אַנדערע פֿעלקער אינעם לאַנד, זײַנען אַליין געווען פֿרעמדע אין לאַנד מצרים. ווי קען מען, אין פֿאַרלויף פֿון נאָר איין פּרשה, דערהרגענען איין גרופּע פֿרעמדע, און דערנאָך ליב האָבן אַלע אַנדערע פֿרעמדע? וואָס איז דער חילוק? קודם-כּל זאָלן מיר טראַכטן אַ ביסל וועגן דעם באַגריף פֿון פֿרעמדקייט: וואָס הייסט אַ פֿרעמדער? דער גרויסער ייִדישער פֿילאָסאָף מאַרטין בובער דערמאָנט אונדז אַ משל וואָס דער מעזשביזשער רעבבע ברוך האָט אַ מאָל געגעבן. אמר רבי ברוך — זאָגט רבי ברוך —

דער וואָס דאָס לעבן פֿירט אים אַרײַן אין גלות, און וואָס קומט צו אַ פֿרעמד לאַנד, האָט גאָרנישט בשותּפֿות מיט זיי וואָס וווינען דאָרטן, און ער האָט קיין שום נפֿש מיט וועמען ער קען רעדן. אויב סע קומט אָבער פּלוצעם אַ צווייטער אַ פֿרעמדער, כאָטש ער שטאַמט פֿון גאָר אַן אַנדער לאַנד, קענען די צוויי זיך פֿאַרטרויען, און דערנאָך לעבן צוזאַמען, און אַפֿילו קענען זיי זיך אָפּהיטן און האַלטן טײַער דעם אַנדערן. און וואָלטן זיי נישט געווען פֿרעמדע וואָלטן זיי נישט געוווסט אַזאַ חבֿרשאַפֿט. אין דעם זינען דערקלערן די תּהילים, ״דו ווי איך ביסט נאָר אַן אויפֿהאַלטנער אויף דער ערד און דערפֿאַר האָסט נישט קיין ווינאָרט פֿאַר דער גדולה. דערווײַטער זיך נישט פֿון מיר, מגלה זאָלן דײַנע געבאָטן זײַן, אַז איך זאָל ווערן דײַן פֿרײַנט. (בובער, מעשׂיות פֿון די פֿריִערדיקע כאַסידישע רעבבעס, ז׳89) [אַ נאָטיץ וועגן תּרגום: די מעשׂה האָב איך איבערגעטײַטשט פֿון אַן ענגלישן נוסח וואָס איז איבערגעזעצט פֿון אַ דײַטשן נוסח וואָס איז איבערגעזעצט פֿונעם אָריגינעל עוף ייִדיש!]

כאָטש די מעשׂה האָט אַליין נישט קיין פּרטימדיק שײַכות צו אונדזער הײַנטיקער פּרשה, העלפֿט זי אונדז צו פֿאַרשטיין דעם באַגריף ״פֿרעמדער.״ רבי ברוך זאָגט אַז סײַ דער אייבערשטער, סײַ די מענטשן זײַנען פֿרעמד אין דער וועלט. מיר זאָלן פֿאַרשטיין אַז האַקוידעש ברוך הוא איז אַליין אַ פֿרעמדער אין דער וועלט ווײַל ווען ער האָט באַשאַפֿן די וועלט האָט ער עפּעס געמאַכט וואָס איז געווען אַנדערש פֿון זיך אַליין — דאָס הייסט אַ טייל פֿון זײַן אייביקייט האָט ער צוריקגעצויגן כּדי צו האַלטן אַן אָרט פֿאַר דער וועלט, דער רוים. דערפֿאַר איז דער אייבערשטער אַנדערש פֿון וואָס

ער האָט באַשאַפֿן — אַ פֿרעמדער. עס עקזיסטירט פֿונדעסטוועגן אַ פֿונק פֿון האַקוידעש ברוך הוא אין יעדן מענטשנס נשמה. אַנדערש געזאָגט: מיר טראָגן אַ טייל פֿון זײַן אייביקייט מיט אונדז אַלעמאָל, און דער פֿונק איז עפּעס אַנדערש פֿון עולם הזה; עס איז אויך דער טייל פֿון מענטשן וואָס שאַפֿט אונדז די באַציונג מיט האַקוידעש ברוך הוא. דאָס זײַן אַ מענטש הייסט דאָס האָבן אַ נשמה פֿון גאָט; דאָס האָבן אַ נשמה הייסט דאָס זײַן אין איין זינען אַנדערש, אָפּגעטיילט, פֿון עולם הזה — בקיצור אַ פֿרעמדער. דאָס דערזען די פֿרעמדקייט אין אַנדערע מענטשן הייסט דאָס דערזען דעם טייל אין זיי וואָס שטאַמט פֿון גאָט, און דערפֿאַר דאָס ליב האָבן פֿרעמדע הייסט דאָס ליב האָבן גאָט.

כּדי בעסער צו פֿאַרשטיין דאָס שײַכות צווישן דעם געבאָט צו דערהרגענען די פֿעלקער וואָס ווינען אין ארץ ישׂראל און דעם געבאָט ליב צו האָבן דעם פֿרעמדן — כּדי בעסער צו פֿאַרשטיין אַז ביידע געבאָט זײַנען אין דער עמעסן אויסדריקן פֿון גאָטס ווילן — דאַרפֿן מיר ווײַטער טראַכטן וועגן דעם אונטערשייד צווישן די פֿעלקער וואָס האָבן געוווינט אין ארץ ישׂראל און די קעגן וועמען ייִדן מוזן, צום באַדויערן, צעקריגן איצטער. כאָטש עס עקזיסטירט הײַנט עטלעכע שׂונאי-ישׂראל איז פֿונדעסטוועגן הײַנטצוטאָג נישטאָ קיין געבאָט אונזערע סוינעם צו דערהרגענען. דאָס געבאָט האָט דער אייבערשטער אונדז געגעבן נאָר אין די צײַטן פֿון דער תּורה.

וואָס מיר הײַנצײַטיקע ייִדן קענען אָפּלערנען פֿון דער פּרשה איז נישט — חס וחלילה — צו דערהרגענען אונדזערע סוינעם. גאָר פֿאַרקערט: עס שטייט אַז מיר מוזן ליב האָבן פֿרעמדע. וואָס מיר קענען יאָ אָפּלערנען פֿון דער פּרשה איז אונדזער נויט פֿון גאָטס הילף אין אַלצדינג. די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען געקומען אינעם לאַנד — וואָס איז, איראָניש, אַ פֿרעמד לאַנד צו זיי, ווײַל זיי זײַנען געבוירן געוואָרן סײַ אין מצרים, סײַ אין מדבר סני — מיט ווייניקער מענטשן ווי די פֿעלקער וואָס זײַנען דאָרטן שוין געווען, און אַוודאי און אַוודאי מיט ווייניקער כּוחות ווי די אַנדערע פֿעלקער. פֿונדעסטוועגן האָבן די קינדער פֿון ישׂראל מצליח געווען אין זייערע מלחמות קעגן די וואָס זײַנען שוין געווען אינעם לאַנד. פֿון דעם נס קענען מיר פֿאַרשטיין אַז דורכן גלייבן אין גאָט קענען מיר — זײַן אויסגעקליבן פֿאָלק — געווערן און ניצל ווערן פֿון אַלץ וואָס אונדזערע הײַנצײַטיקע סוינעם ווילן אונדז טאָן. סע שטייט אין דער צאינה-וראינה אַז מע קען פֿאַרשטיין דורך דער פּרשה אַז אפֿילו די קלענסטע זאַך קען אַ מענטש טאָן נאָר דורכן הילף פֿון גאָט. מע דאַרף זיך אָבער דערמאָנען אַז אין דער פּרשה אַליין רעדט משה רבינו נישט וועגן קליינע זאַכן — ער רעדט וועגן די ענינים פֿון לעבן און טויט, פֿאַר דעם יחיד און פֿאַר דעם פֿאָלק. איצטער זאָלן מיר זײַן דאַנקבאַר אַז מיר זײַנען נישט מחויבֿ צו דערהרגענען אונדזערע סוינים, אַז עס איז נישט נייטיק פֿאַר אונזער קיום ווי אַ פֿאָלק דאָס צו טאָן. אָבער, סע קען זײַן אַז ליב צו האָבן דעם פֿרעמדן איז אפֿילו שווערער ווי אַ מלחמה קעגן אים. דערפֿאַר איז גאָטס הילף אַזוי נייטיק פֿאַר אונדז ווי פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל ווען משה רבינו האָבן פֿאַר זיי ערשטנס געהאַלטן זײַן רעדע.

דאָס איז נאָר אַן אָנהייב — ממש מײַן ערשטער אָנהייב, איר זאָלט וויסן — צו דערקלערן און פֿאַרשטיין די וויכטיקע און שווערע געדאַנקען און באַגריפֿן וואָס די פּרשה שענקט אונדז. איך בין טיף פֿאַרינטערעסירט אין אײַערע באַמערקונגען און געדאַנקען וועגן וואָס איך האָב געשריבן, און אפֿשר בעסער וואָס איך האָב נישט געשריבן, וועגן דער פּרשה.

איך וויל דאַנקען שלומען, וואָס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט דעם דבֿר תּורה צו שרײַבן, און איך וויל אויך אײַך דאַנקען פֿאַר לייענען מײַנע פּאָשעטע מיינונגען.